# מיט א טיפערן בליק
# פרשת ויגש תשפ"א
# 'איך' האב געמאכט א טעות!

בס"ד

א גוטן טייערע חבירים וידידים..!

די פאסירונגען וואס די תוה"ק דערציילט אונז אין פרשת ויגש איז גאנץ באקאנט. **וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה** - יוסף און יהודה האבן א היציגע שמועס, און פלוצלינג זאגט אונז דער פסוק: **וְלֹא יָכֹל יוֹסֵף לְהִתְאַפֵּק** - יוסף הצדיק קען זיך נישט צוריקהאַלטן, און מיט א הויכע געוויין טוט ער זיך אַנטפלעקן צו די ברידער: **אֲנִי יוֹסֵף** - איך בין יוסף! די ברידער זענען שאָקירט און פארשעמט, ווי דער פסוק זאגט: **וְלֹא יָכְלוּ אֶחָיו לַעֲנוֹת אֹתוֹ כִּי נִבְהֲלוּ מִפָּנָיו.** דערנאך ווייסן מיר די המשך פון דער מעשה, יוסף הצדיק רופט די ברידער נענטער און רעדט צו זיי מיט די גרעסטע וואַרעמקייט.

די ברידער קומען צוריק צום טאטן און דערציילן די געוואלדיגע נייעס איבער יוסף. **וַיָּפָג לִבּוֹ כִּי לֹא הֶאֱמִין לָהֶם** – יעקב אבינו גלייבט נישט די נייעס אבער דערנאך ווען יעקב זעט די 'וועגענער' וואס יוסף האט געשיקט - **וַיַּרְא אֶת הָעֲגָלוֹת אֲשֶׁר שָׁלַח יוֹסֵף לָשֵׂאת אֹתוֹ וַתְּחִי רוּחַ יַעֲקֹב אֲבִיהֶם** – אט דעמאלט לעבט ער אויף, ווייל דאס איז דער ריכטיגער סימן.

לאמיר זיך פארטיפן אין די פסוקים: א. יוסף איז דאך דער צדיק יסוד עולם, וואס איז פיל מיט אהבה ואחוה, בטחון און דביקות אויף אַן אופן וואס מיר קענען נישט פארשטיין און משיג זיין, נו פארוואס טאקע האט ער די גאנצע צייט ביז אהער פאַרלענגערט און צוריק געהאלטן זיין התגלות צו די ברידער, ביז עס איז געקומען צו א מצב פון ולא יכול יוסף להתאפק? ב. בכלל דארף מען פארשטיין, ווי באקאנט איז דאך יוסף הצדיק דער וואס טוט זיך אויסצייכענען מיט די מידה פון 'וימאן' – די געוואלדיגע כוח פון זיך צוריק-האלטן, נו אויב אזוי פרעגט זיך וואס איז די טיפקייט פון די ווערטער אז יוסף הצדיק קען זיך שוין נישט צוריק-האלטן? נאכמער, מיט פשוטע אויגן איז דער אפטייטש פון די ווערטער פון "ולא יכול יוסף להתאפק" עפעס א שילדערונג פון 'געפיל' וואס פירט אונז אריין אין דעם אז יוסף רופט אויס 'אני יוסף', אבער בפשטות וואלט געקענט שטיין אין קורצן א לשון פון למשל ויאמר יוסף אני יוסף, אבער ווי פארשטענדליך אז דער פסוק דערציילט אונז דעם נקודה אז יוסף האט זיך נישט געקענט צוריקהאלטן ליגט דאך עפעס גאר טיף פאר אונז, לאמיר זיך פארטיפן.

איידער מיר פאנגן אָן אונזער שמועס מוז ארויסגעברענגט ווערן אז כאטש מיר שמועסן איבער די הייליגע שבטי קה', טוען מיר דאס נאר אלס די 'חלק המוסר השכל' וואס ליגט דערין און וואס מיר קענען ארויסנעמען, אבער פארשטייט זיך אז מיר האבן נישט קיין שום השגה כלל וכלל פון זייער גרויסקייט, מיר נעמען ארויס דעם מחשבה וואס ליגט באהאלטן פאר אונז אין די פסוקים אבער אונזער מציאות, אונזער שמועס האט נישט קיין שום שייכות צו די הייליגע שבטים.

כדי צו פארשטיין דעם שמועס לאמיר כאפן א בליק אויף א באקאנטע מאמר חז"ל ס'איז א משנה אין אבות פרק א משנה י"ב, **הלל אומר: הֱוֵי מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַהֲרֹן, אוֹהֵב שָׁלוֹם וְרוֹדֵף שָׁלוֹם, אוֹהֵב אֶת הַבְּרִיּוֹת וּמְקָרְבָן לַתּוֹרָה**, די מפרשי המשנה ברענגן צו די אבות דר' נתן וואס זאגט אונז ווי אזוי אהרן הכהן האט מקיים געווען דעם "אוהב ורודף שלום", ווען אהרן האט געזעהן ווי ברוך און בערל קריגן זיך איז ער צוגעגאנגען צו ברוך ווען בערל האט נישט געזעהן אדער געוואוסט, און געזאגט: דו ווייסט ברוך, בערל האט מיך געשיקט דיך איבערבעטן, ער האט גאָר שטארק חרטה, ער עסט זיך די געזונט אויף דאס וואס ער האט דיר שלעכטס געטוען, פארשטייט זיך אז ברוך הערנדיג די רייד איז ער גלייך מוחל, און דאס זעלבע האט ער געטוען ביי בערל, ער האט געזאגט אז ברוך האט גרויס צער פון זייער קריגעריי און וויל זיך זייער שטארק איבער בעטן, און דעם נעקסטן טאג ווען ברוך און בערל האבן זיך געטראפן האבן זיי זיך ארומגעקושט און צוריק געווארן בעסטע חברים.

לאמיר זיך אפשטעלן און זיך אביסל מתבונן זיין אין דעם מהלך, ווי קען זיין אז דער מהלך זאל ארבעטן, צו האט זיך דען נישט געמאכט צומאל אז אהרן זאל צוגיין צו א אידעלע אין זאגן: דו ווייסט דיין חבר האט מיך געשיקט וכו' און דער איד זאל געבן אזא האַק-איבער גלייך, ניין ניין רבי, ס'קען נישט זיין אז ער האט אייך געשיקט איבער בעטן, ווייל איך ווייס דאָך דעם אמת גאנץ גוט אז איך בין דער וואס דארף אים איבערבעטן, איך בין דער וואס האט אים בא'עוול'ט און ווי געטוען, און ס'קען נישט זיין אז ער זאל מיר וועלן איבער בעטן, אויב עפעס דארף איך אים איבער בעטן... אויב אזוי וואלט דאך אהרן הכהן'ס פלאן געקענט אדורכפאלן אין איין סעקונדע, ווען יענער וועט תיכף כאפן אז ער שפילט נאר ארום און ער זאגט נישט קיין אמת, און ווי אזוי קען זיין אז דער מהלך האט געארבעט במשך די גאנצע פערציג יאר אין מדבר, און קיינער איז נישט געוואויר געווארן דעם סוד.

ענטפערט דער מגיד הרב ר' יענקעלע גלינסקי זי"ע א נפלא'דיגע תירוץ: עס האט קיינמאל נישט פאסירט אזא זאך! און טאקע פון דא קענען מיר זיך אפלערנען א יסודות'דיגע זאך, ווען צוויי מענטשן קריגן זיך, טראכט יעדער איינער גלייך **"איך בין גערעכט, און דער חבר איז דער וואס דארף מיר קומען איבער בעטן"**, און פאר דעם האט מען שטענדיג געגלייבט אהרן הכהן, ווייל ס'איז קיינמאל נישט איינגעפאלן פאר א מענטש "איך בין שולדיג, איך האב אים מצער געווען".

וואס דאס זאגט אונז בעומק, אז ווען ס'קומט צו דער ענין פון מחלוקת און פירוד לבבות איז פארהאן עפעס אזא סארט פלאץ אין די הארץ וואס האלט זיך גערעכט, יא, דער מענטש קען אפשר אמאל געבן א זאג "אמת, איך האב געמאכט א שטיקל טעות, אבער אין טיפקייט פונעם ענין בין 'איך' גערעכט", דאס הייסט אפילו ווען בדוחק גדול זענען מיר שוין אביסל מסכים אז מיר זענען עטוואס שולדיג אין די מחלוקת, קומט עס אבער גלייך מיט א גרויסע "אבער"... איך האב טאקע געטוען, אבער ער, אבער זי, אבער אהער, און אבער אהין... אין די סיבה פאר דעם איז לכאורה גאנץ פשוט, ווייל א מענטש לעבט מיט עפעס אזא סארט פאלשע איינרעדעניש, א אייגן-געמאכטע יסוד וואס רעדט אים איין אז אויב וועל איך זיין אמת'דיג און איך זאל אויסרופן קלאר און דייטליך "איך בין נישט גערעכט" – "איך האב געמאכט א טעות", דאן וועט די גאנצע מציאות המענטשעלע מיינע צוזאם פאלן ה' ירחם, מ'פילט ווי ס'איז עק וועלט אויב מ'וועט מודה זיין על האמת און אנערקענען "יא, איך בין אינגאנצן שולדיג", און צוליב דעם דמיון טוען מענטשן חרוב מאכן וועלטן, אויפגעבן אויף יארן פון לעבן מיט שלווה, שמחה, אהבה ואחוה שלום און ריעות, ווייל ער קען דאך נישט זיין קיין נאַר וואס מאכט טעותים, און דעריבער האלט ער זיך פעלזן פעסט, איך אנטשולדיג זיך נישט, איך בעט נישט איבער, איך בין מסודר... און אזוי האלט ער זיך אין איין בארואיגן מיט פארשידענע חשבונות, אפשר וואלט איך טאקע נישט געדארפט טוען אזוי און אזוי, אבער ס'קומט אפילו נישט נאנט צו די עוולה וואס יענער האט געטוען צו מיר, אדער אמת כ'האב טאקע נישט געדארפט זאגן אזוי שאַרף, אבער וואס יענער האט געזאגט ווילסטו ניטאמאל הערן, איך וויל עס ניטאמאל ארויסזאגן פון מויל. און אזוי האט מען תירוצים מתירוצים שונים, אבי נישט צו אנערקענען אז ס'קען זיין אז אפשר (די איין מאל) בין איך באמת באגאנגען א טעות, און אפשר בין איך ליידער דער וואס איז (כמעט) אינגאנצן שולדיג.

ווי געזאגט, באגראבט זיך דער מענטש אליין, מיט'ן זיך קרוינען מיט אזא 'פאלשע מלכות', ער האט זיך אנגעטועט א נארישן קרוין אויפן קאָפ וואס ער איז נישט גרייט אויסצוטועט פאר קיין געלט אויף די וועלט. אבער דער דאזיגער מלך אביון געפונט זיך אין גלות, א מין שרעקליכע גלות הנפש אז 'איך' מאך נישט קיין טעותים, 'איך' טאר נישט אדורך פאלן, 'איך' טאר נישט האבן געזאגט דאס נישט ריכטיגע זאך, און אויב האב איך עס יא געזאגט מוז זיין אז ס'איז טאקע געווען דאס ריכטיגע. ער ציטערט אז מיט'ן מודה זיין וועט ער אויסקוקן שוואך, און אפשר וועט זיך יענער ארויף כאפן דעראויף און דערנאך וועל איך גאר דערלייגן. הגם טיף טיף אינעווייניג אין הארץ ווייסט מען צומאל גאנץ קלאר דעם אמת, ולב יודע מיר אלע ווייסן גאר קלאר וואס איז ריכטיג און וואס איז נישט, נאר מיר זענען נישט גרייט דאס צו דערהערן, און דעריבער זעצט מען זיך נאך טיפער און נאך באקוועמער אויפן זעלבסט געקרוינטן שטיל אינעם מלכות של הבל, און מ'קען בשום אופן נישט אראפקריכן פונעם לייטער.

ברידער, אבער די אמת'דיגע מלכות, דעם ריכטיגן טעם חירות, איז פונקט פארקערט! אין די מינוט וואס דער מענטש איז גענוג שטארק צו קענען אויסרופן דעם **"איך געב אויף דעם פאלשן אָנשטעל, איך בין נאר א בשר ודם וואס פרובירט, און יא, איך האב געמאכט א טעות"** אט דעמאלטס ווערט מען אמת'דיג שטארק, דעמאלטס ווערט מען א מלך, א בן חורין, דער אמת'דיג שטארקע מענטש איז גענוג שטארק צו נעמען אחריות אויף זיינע מעשים אפילו ווען ער האט געמאכט א טעות, און אויב קומט עס מיט א פרייז וועט ער דאס אויך נעמען אויף זיך און טוען אלע סארטן השתדלות צו פארריכטן דעם טעות, און מאכן זיכער אז ס'פאסירט נישט נאכאמאל, וכדומה. נאר אזא מענטש לעבט א געשמאקע און זיסע לעבן מיט פרייהייט פון אלע סארט צוימונגען פון נישט זיין זיך אליין, פון נישט זיין דער אמת'דיגע מענטש וואס מיר זענען, און דארפן טראגן דעם שווערן דיקען מאסק אויפן פנים 24 שעה א טאג...

דערמיט קומען מיר צוריק צו אונזער פרשה, און ווי דערמאנט, מיר מיינען חלילה נישט אריינצולערנען פשט אין די מעשים פון די הייליגע שבטי קה, מיר באמערקן נאר די נקודות, און נעמען ארויס א לימוד בדרך רמז פאר זיך. יהודה איז געווען דער וואס האט אויפגעברענגט די עצה פון פארקויפן יוסף פאר די ישמעאלים, ווי די פסוק דערציילט אין פרשת וישב ביי מכירת יוסף. און דערנאך שטייט טאקע שפעטער אין די המשך הפרשה, **וַיְהִי בָּעֵת הַהִוא וַיֵּרֶד יְהוּדָה מֵאֵת אֶחָיו**, און ווי רש"י טייטשט "ללמד שהורידוהו אחיו מגדולתו כשראו בצרת אביהם אמרו אתה אמרת למכרו אלו אמרת להשיבו היינו שומעים לך", אז ווען די ברידער האבן צוגעזען די גרויסע צער וואס יעקב אבינו האט געהאט ווען ער האט געמיינט אז זיין זוהן יוסף לעבט שוין נישט, זענען זיי אלע געקומען מיט א טענה צו יהודה, דו ביסט געווען דער מלך, מיר האבן דיר געפאלגט, ווען דו וואלסט אונז געהייסן נישט פארקויפן יוסף וואלטן מיר אים נישט פארקויפט, און דערפאר האבן זיי אים אראפגענידערט פון זיין גרויסקייט און מ'האט אוועק גענומען די מלוכה פון אים, דערפאר שטייט א לשון פון "וַיֵּרֶד יְהוּדָה".

און יעצט דא טרעפן זיך די הייליגע ברידער ביי יוסף אין פאלאץ, און ווי מען זאגט נאך פון צדיקים **וַיַּכֵּר יוֹסֵף אֶת אֶחָיו וְהֵם לֹא הִכִּרֻהוּ**, די ברידער האבן טאקע נישט דערקענט יוסף ווייל ער איז שוין געווען אין גאר א הויכע מדריגה, ער איז געווען אינגאנצן א נייע מציאות, ווייל ווי מיר האבן שוין געשמועסט אין פרשת מקץ באריכות, אז יוסף הצדיק איז אינגאנצן בטל ומבוטל צו השי"ת און לעבט שטענדיג מיט די שאלה צו זיך אליין 'מה תבקש' וואס איז מיין שליחות דא אויף די וועלט? וואס האב איך דא צוטוען? ער איז דער קליין בחורל וואס איז געזיצן אינעם ווייטן לאנד מצרים גאנצע צוועלף יאר אין תפיסה און פארלירט זיך נישט פאר קיין סעקונדע. און אט באגעגנט ער זיך מיט זיינע הייליגע ברידער, און כאטש ער וואלט זיי גלייך געוואלט זאגן מיט ליבשאפט אז ער איז יוסף און אז די חלומות זענען מקויים געווארן וכדומה, אבער ניין, **"וַיַּכֵּר יוֹסֵף אֶת אֶחָיו"** ער דערקענט נאך זיינע ברידער, מען דערקענט נאך עפעס א קליין דקות'דיגע נקודה ביי די הייליגע ברידער וואס איז נאכנישט מתוקן, זיי האבן נאכנישט אינגאנצן תשובה געטוען און מתקן געווען וואס זיי דארפן. און דעריבער יוסף הצדיק וועלכע וויל אייביג נאר מקיים זיין דעם רצון ה' און ארויסברענגען די גרעסטע כבוד שמים וואס עקזיסטירט אויף די וועלט, דעריבער פארשטייט ער אז ס'איז נאכנישט געקומען די צייט, טאקע נאר ווייל ער האט זיי ליב, און דייקא ער וואס איז א שטיק ליבשאפט, וויל ער זיי ברענגן צו זייערע ריכטיגע מדריגות, און דעריבער טוט ער זיך נישט גלייך אנטפלעקן צו זיי, נאר טוט זיי פריער לערנען א יסוד נפלא אין א איד'ס עבודת ה', אז א איד דארף לעבן א לעבן פון התבטלות לגמרי, דער איד דארף זיין גרייט צו ווערן בטל ומבוטל צום מלך העולם אויף די טיפסטע מדריגה וואס נאר שייך.

און אט שפילט זיך דאס טאקע אויס, **וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה** – דער נאמען 'יהודה' פארמאגט אין זיך די לשון פון מודה זיין און אַנערקענען, יהודה האט זיך דערנענטערט מיט א געוויסע אנערקענונג, די הייליגע שבטים האבן שוין געהאלטן טיף אינמיטן חרטה האבן אויפן חטא פון מכירת יוסף, ווי זיי האבן שוין אליינס געזאגט אין פרשת מקץ **אֲבָל אֲשֵׁמִים אֲנַחְנוּ**, אבער דערווייל איז עס נאך געווען אין א געוויסע בחינה מיט די דקות'דיגע נקודה פון 'אבער'... יוסף האט געזען אז ס'איז נאכנישט געווען די גאנצע חרטה בשלימות ווי עס דארף צו זיין. אבער ווי דער ויכוח ציט זיך ווייטער און ווייטער, און פלוצלינג פאסירט דאס אומגלויבליכע, יהודה זאגט גענוג איז גענוג, **"כִּי עַבְדְּךָ עָרַב אֶת הַנַּעַר"** איך בין גרייט צו ווערן ווי אַן עבד, יא יהודה וואס ער איז געווען דער גרויסער און שטארקער מלך, ער נעמט אויף זיך עבדות, ער האלט שוין ביים שפיץ פון די עבודה, צו אנערקענען דעם אמת און צו ווערן בטל ומבוטל צום אמת, אט יענעם מינוט טוט זיך ארויסגיסן דעם געפיל פון **וְלֹא יָכֹל יוֹסֵף לְהִתְאַפֵּק**, יוסף קען זיך שוין נישט צוריק האלטן. און דערמיט לערנט אונז די תוה"ק אז ווען ס'קומט צו אמת, ווען דער מענטש קומט ארויס מיט די גאנצע אמת און התבטלות, און נעמט אויף זיך די אחריות, ווי יהודה האט דעמאלטס געוואלט טוען, ער נעמט אויף זיך אז אלע ברידער זאלן אהיים גיין און ער וועט פארבלייבן דא איינער אליין אין א מצרישע תפיסה, ער איז גרייט צו שפירן אויף די אייגענע הויט דאס וואס זיין ברידער איז אריבער יארן פריער ווען זיי האבן אים פארקויפט, דאס ברענגט די גאנצע ישועה און די גאולה.

לאמיר ברענגען א שיינע מעשה'לע וואס די וועלט דערציילט: געווען זענען צוויי נאנטע ברידער ראובן און שמעון וואס האבן געוואוינט איינער נעבן דעם אנדערן, זיך ליב געהאט און פארשטאנען איינעם דעם צווייטן, ויהי היום ס'האט פאסירט דאס אומגלויבליכע, די צוויי ברידער האבן זיך גאר שארף צוקריגט, אנגעפאנגען האט זיך עס מיט עפעס א קלייניגקייט ווי דער סדר העולם איז, און פון דעם האט זיך די פלאם אנגעצינדן, ס'איז געווארן מוסיף והולך, יעדער האט צוגעגעבן נאך און נאך צו די מחלוקה, ביז ס'האט שוין געפלאקערט א אש להבה, א פלאם פייערדיגע שנאה האט אפגעטיילט צווישן זיי.

טעגליך איז די מערכה און צדדים געוואקסן, די גאנצע משפחה קינד און קייט זענען געווארן אריין געמישט, דער האט געזאגט און דער צווייטער האט דערציילט, דערנאך האט ער געשיקט א מעסעדזש, און פארשטייט זיך אז דער ברידער איז נישט געבליבן שולדיג, און אזוי האט זיך אנגעפאנגן פלעכטן א העפטיגע מערכה, ווי פארשטענדליך איז מן הסתם אלעס געווען לשם שמים, ווי באקאנט ליידער.

דער מערכה איז געקומען צו א שטיקל קלימאקס ווען ראובן האט מחליט געווען אז דאס איז עס, מען גייט אפהאקן איינמאל פאר אלעמאל, און אזוי ווי די צוויי בעק-יאַרדס (חצרות) פלעגן זיין פארבינדן, האט ער גערופן א קאמפעני און געהייסן

אויסגראבן א גרויסע וואסער בראָק פון א פינעף זעקס פיס טיף וואס זאל לויפן ביים עק פונעם חצר, וואס זאל עמטליך צוטיילן די צוויי שכנים און מאכן אז מ'זאל מער נישט קענען אריבערגיין פון איין שטח צום אנדערן.

נו אויב מיינט איר אז ס'האט זיך געענדיגט, ערשט דא האט זיך עס אנגעפאנגען, די גאנצע בוי ארבעט איז אריבער מיט יסורי איוב, איעדע קליינע גראָבל און שטיינדל איז געווען א גאנצע מערכה, די גרעסטע עקספערטן זענען געשטאנען מיט כל מיני כלים צו מאכן זיכער אז ניטאמאל א האָר טוט עס אריין קומען אין דעם ברידער'ס לאָט... ענדליך האט ראובן געענדיגט זיין מיסיע, יעצט זענען מיר גענצליך צוטיילט, האב מיר און זיי מיר, לחיים ולשלום.

פארשטייט זיך אז שמעון האט דאס נישט געקענט פארשווייגן, ער האט דאך אויך געמוזט וויזן וואס ער קען, אז דער ברודער האט געבויעט א וואסער, וועט ער מאכן עפעס גרעסער... און נאך א קורצע עמערזשענסי זיצונג מיט די יועצים און גוטע פריינד איז מען ארויסגעקומען מיטן החלטה אז אזא זאך טאר בשום אופן נישט פארשוויגן ווערן, ס'נעמט נישט לאנג מען לאזט רופן א געלונגענע בעל מלאכה, און מען באשטעלט ביי אים צו בויען א ריזן וואנט צוויי שטאק הויעך גלייך ביים עק פון זיין פראָפערטי, הארט נעבן די נייע געבויעטע בראָק פון וואסער, אזוי ארום וועט ער זיכער מאכן נישט צו זעהן אדער צו הערן, נישט פונעם ברודער און נישט פון זיין וואסער, ער וויל אים מער נישט קענען, עס וועט שטיין דא א פעסטע וואַנט וואס וועט אפהאקן און צוטיילן זיי ביידע מיט א שטארקייט, און אזוי וועט ער האבן שלום ושלוה.

דער בעל מלאכה ר' אהרן רייבט זיך די אויגן און קוקט מיט וואונדער, ער פאנגט נישט אָן צו פארשטיין, א וואנט? פארוואס? איז נישט דער שכן ראובן אייער איינציגע ברידער? אגב, איך קען אים דאך גוט, ער איז א פיינע מענטש און א באקאנטע בעל צדקה אין שטאט, פונקט פון אים ווילסטו זיך אפטיילן, וואס האט דא פאסירט?!

"אויך מיר א ברידער!!! א פיינע מענטש??? איר פאנגט נישט אָן צו וויסן וואס דא גייט פאָר"... שרייט צוריק שמעון ווילבער האט באשטעלט דעם וואנט, "איך וועל דיר שוין זאגן ווער ער איז"... און תוך כדי דיבור באקומט ר' אהרן א זאַפטיגע 'מוסר' אויפקלערונג שמועס וואספארא שלעכטע מענטש ראובן איז, און אז נאר פאר די גאס שטעלט ער אהער א שיינע פנים וכו' וכו', און נאָך א שעה פון פעך און שוועבל - איז געבליבן דאס זעלבע, בקיצור מען דארף א גרויסע וואנט, **"איך פאָר אוועק פאר א וואך, ווען איך קום צוריק וויל איך אז איר זאלט שוין זיין פערטיג מיט די ארבעט, און רואיגקייט זאל צוריק קומען צום פלאַנעט"...**

ר' אהרן זאגט צו שמעון: קוק אהער, ווי איך פארשטיי איז דער תכלית פון מיין בויען אז איר ווילט מער נישט געשטערט ווערן פונעם ברידער, איך געב אייך מיין ווארט אז איך וועל זיך נעמען בויען אז ס'וועט זיין לשם ולתפארת, ווען איר קומט צוריק וועט אלעס זיין מסודר על צד היותר טוב. דער ברודער געבעט אים א דיפאזיט, און די צוויי באדאנקן זיך איינער פארן אנדערן.

ס'גייט נישט אריבער קיין צוויי טאג, שמעון איז אויף אפרוה אין די שווייצע בערג ווען ער באקומט א ווארימע מעסעטזש פון ברודער און שונא ראובן, *"מיין טייערע ברידער איך דאנק דיך שטארק אז דו האסט גענומען בויען ס'וועט אונז זיכער העלפן ברענגען"*... די בלוט איז אים ארויף אין קאפ, הייסט ער האט געמעגט בויען א בראָק און איך טאָר נישט בויען א וואנט, שוין, האסטו, דאס זענען די חברה... (פארשטייט זיך אז מען האט נאר ווייטער געשיקט די מעסעדזש פאר צוויי דריי נאנטע חברים).

עטליכע טעג דעראויף באקומט שמעון אין שווייץ נאך א מעסעדזש: *"איך בין מרגיש ביז גאר, איך קען נישט גלייבן וואס דו טוסט, דו לייגסט אריין גרויסע געלטער, אשריך ביסט מיין ווע*

*ווייטער, איך קען קוים ווארטן אויף דער מינוט וואס דו קומסט אהיים!"* ליצנות דאס שוין נישט, ער טרייבט ליצנות - א חוצפה און א עזות?!

ווי נאר שמעון קומט אָן צוריק אהיים, גלייבט ער נישט וואס ער זעט פאר די אויגן, ניטאמאל האט מען אנגעפאנגען בויען דעם וואנט, וואס טוט זיך דא? וואס גייט דא פאָר? און ווי נעגטער ער קומט באמערקט ער עפעס גאָר מאדנע, ער ווייסט שוין נישט אויב ער איז אויף אדער ער חלומ'ט, זיין ברודער ראובן מיט די גאנצע משפחה פון גרויס ביז קליין שטייען און ווארטן אים אפ, וואס איז דא געשעהן? ווי נאר ער קומט אָן צום הויז זיינע, באמערקט ער אז ר' אהרן דער בעל מלאכה האט געבויעט א גרויסע הערליכע בריק וואס גייט אריבער פון דעם חצר צום אנדערע איבער דעם בראָק, ס'איז געווען אזא שיינע בא'טעמ'טע בריקל, געבויעט מיט פאכמענישע הענט און פיל מיט הארץ און חן... און דאס בילד האט זיך ארויסגעשטעלט, אנשטאט א וואנט, האט ר' אהרן דער בעל מלאכה געבויעט א בריק, און דער ברודער ראובן האט אין דעם געזען אזא הערליכע שריט פון זיין ברודער שמעון צו מאכן שלום מיט אים, ער איז געווארן אזוי שטארק איבערגענומען, און פארשטאנען אז זיין ברידער שיקט אים דערמיט אַן איבערבעטונג און ער זאגט **"ברודער איך וויל זיך נישט טיילן, נאר פונקט פארקערט איך וויל זיך צוריק פארבינדן"**.

ר' אהרן דער בעל מלאכה שטייט אין די זייט, און 'פארענטפערט' זיך גלייך פאר שמעון אויף וואס ער האט דא געטוען: דו האסט באשטעלט ביי מיר א גרויסע און טייערע וואנט ווייל דו האסט געוואלט לעבן רואיג במנוחה, נו, איך אלס געטרייע קאנטראקטער האב פארשטאנען אז אט דאס איז אסאך א ביליגערע, גרינגערע און שענערע וועג עס צו בויען...

טייערע ברידער, אט די מעשיות שפילן זיך אויס טאג טעגליך, ליידער ווען מ'פאלט אריין אין א מחלוקת נעמט מען זיך גלייך בויען הויכע ווענט און טיפע וואסער קאנאלן, מען איז נישט גרייט צו אנערקענען אז אפשר איז מען באגאנגען א טעות און מ'דארף יענעם איבער בעטן, נאר אנשטאט דעם גיסט מען צו אויל צום פייער און מ'מאכט עס פיל גרעסער. ווען ס'איז באמת אסאך אסאך גרינגער און ביליגער פשוט צו בויען א קליין בריקל און צוזאם ברענגן וועלטן. מאך אויף דיין הארץ, זיי זיך מבטל צום אמת, און זיך א וועג ארויס, דער וועג צום שלימות, דער וועג צו שלום ושלוה און מנוחה ושמחה.

הרה"ק רבי מרדכי יוסף פון איזביצא זי"ע (יארצייט ז' טבת) ברענגט אין זיין ספר מי השילוח א דבר נפלא, ווען די שבטים זענען געשטאנען פאר יוסף אין מצרים, און זיי האבן געמיינט אז ס'איז עק וועלט, זיי האבן דא צו טוען מיט א מצרישע משנה למלך וואס איז דא זיי צו פייניגן, ער מאכט בלבולים אויף זיי, ער גייט אוועק נעמען בנימין פון זיי, ס'איז געווען צרות ווי א בארג. פלוצלינג רופט זיך יוסף הצדיק אָן בלויז צוויי ווערטער **"אני יוסף"**, און אלעס האט זיך געטוישט פון איין רגע צו די אנדערע! ס'זענען נישט געשען קיין אויסטערלישע זאכן, קיינער איז נישט אריינגעקומען דארט אין צימער, אייגנטליך ס'האט זיך גארנישט באמת געטוישט פון פריער, עס שטייען די זעלבע מענטשן וואס זענען דא געווען א מינוט צוריק אינעם גרעסטן קלעם און צרה, און השי"ת האט באלאכטן זייערע אויגן, זיי האבן געהערט אז ס'איז גארנישט דער שלעכטע משנה למלך וואס זיי מיינען, עס איז גאר געווען זייערע אייגענע ברודער די גאנצע צייט, און עס איז קלאר געווארן אין איין סעקונדע אז אלעס איז גוט און ס'איז לטובה. דער מי השילוח זאגט מיט דעם, אז די זעלבע זאך וועט זיין ווען משיח וועט קומען, הקב"ה וועט זאגן בלויז צוויי ווערטער "אני השם" און אלעס וועט ווערן ליכטיג, ס'וועט זיך גארנישט דארפן טוישן בפועל, נאר אונזערע אויגן וועלן זיך עפענען און מיר וועלן פלוצלינג פארשטיין און משיג זיין אז אלעס וואס האט פאסירט מיט אונז איז געווען לטובה און אז אלעס איז באמת גוט.

**לענינינו, קענען מיר לערנען די זעלבע זאך, וויפיל מאל האבן מיר אין אונזער דמיון אזעלכע גרויסע חומות, שטיינערנע מויערן, און אייזערנע ווענט, וואס מיר האבן זיך דאס כמעט אינגאנצן אליין געבויעט בידים, מיר האבן געפירט פארשידענע נארישע חשבונות און נישט געוואלט מודה זיין און איינזעהן אונזער טעות, דעריבער זענען מיר געווארן מער און טיפער פארפלאָנטערט אין די מחלוקת און פירוד לבבות. מיר האבן מורא געהאט צו זאגן דעם אמת און נעמען אחריות אויף אונזערע מעשים, מיינענדיג אז דאס וועט אונז אראפברענגען אדער מאכן קליין. ווען דער אמת איז פונקט פארקערט, מיט איין וואָרט וואלט מען געקענט דא האבן א הערליכען בריקל גרייט אריבער צו שפאצירן צום חבר און זיך איבער בעטן, וויפיל מאל ליגט דער בריק פאר אונזערע אויגן אבער מיר באמערקן עס נישט, מיר מיינען אז מ'קען נישט שלום מאכן ווייל יענער איז שולדיג און איך בין אויסגעהאלטן עד הסוף, מיר זענען נישט גרייט אויסצודרייען דעם קאפ און קוקן אינעם ריכטונג פונעם בריק, ווייל ס'דאך נישט מעגליך אז איך דארף דא עפעס פאררעכטן. מיט אביסל אמת'ע מלכות, אז מ'בייגט זיך אונטער און מ'נעמט אויף זיך דעם עול פון עבודות, מ'שרייט ארויס "כִּי עַבְדְּךָ עָרַב אֶת הַנַּעַר", איך בין גרייט צו נעמען אויף זיך דעם שולד, אין איין רגע קענען די אלע שווערע מחיצות אוועקפאלן און נאנט ברענגן פארוויטאגטע הערצער אויף אייביג.**

לאמיר גיין א טריט ווייטער אין די פרשה, די תוה"ק דערציילט אונז אז יוסף הצדיק האט געשיקט וועגענער פאר יעקב אבינו, **וַיַּרְא אֶת הָעֲגָלוֹת אֲשֶׁר שָׁלַח יוֹסֵף וגו' וַתְּחִי רוּחַ יַעֲקֹב**, און ווי רש"י ברענגט איז דאס געווען צוליב א סימן וואס יוסף האט דערמיט מרמז געווען פאר יעקב, אים צו ווייזן אז ער איז טאקע זיין זוהן יוסף, וויבאלד זיי האבן איניאינעם עוסק געווען אין די סוגיא פון עגלה ערופה ווען זיי האבן זיך געזעגנט מיט צוויי און צוואנציג יאר פריער, און דאס האט ער דא דערמאנט מיט די 'עגלות' וואס ער האט געשיקט, און דאס האט אויפגעלעבט יעקב אבינו און אים געמאכט זיין פרייליך.

וואס באדייט די טיפקייט פונעם סימן פון עגלה ערופה דוקא, און וואס האט יוסף געוואלט ארויס ברענגען דערמיט? נאר מיר ווייסן אז א עגלה ערופה דארף מען ברענגען אין פאל וואס מ'טרעפט א געהאַרגעטע מענטש ליגן אויף דער ערד אינדרויסן פון שטאט, און מ'ווייסט נישט ווער עס האט אים געהארגעט, דארפן קומען די זקנים פון די נענסטע שטאט צום חָלָל (דער געהארגעטער מענטש) און זענען מחוייב צו ברענגען די עגלה ערופה, און ווי ס'שטייט אין פרשת שופטים אז די דיינים פון בית דין מיט די זקנים האבן זיך דארט אפגעוואשן זייערע הענט און געזאגט "יָדֵינוּ לֹא שָׁפְכוּ אֶת הַדָּם הַזֶּה" וגו', און ווי רש"י ברענגט פון חז"ל מיר זענען דאָך אודאי נישט חושד אז די דיינים זענען רוצחים ח"ו און זיי האבן שופך דם געווען, נאר די כוונה מיט די ווערטער ידינו לא שפכו את הדם הזה מיינט צו זאגן אז זיי האבן נישט באמערקט ווי דער איד גייט ארויס אליינס פון שטאט און זיי האבן איהם געלאזט גיין אָן קיין עסן און באגלייטונג, דאס הייסט, אויב מיר וואלטן אים באמערקט גיין, וואלטן מיר אים צוגעשטעלט אלעס וואס ער דארף און ס'וואלט נישט צוגעקומען צו דעם רח"ל.

אז מ'טראכט אריין איז דאס ממש אט דעם יסוד וואס מיר רעדן דא, בית דין און די זקנים וואלטן געקענט זאגן מיט א רואיגקייט **יָדֵינוּ לֹא שָׁפְכוּ אֶת הַדָּם הַזֶּה** מיר האבן אים נישט געהארגעט און מיר זענען גארנישט שולדיג אין די גאנצע זאַך, זאגן אונז חז"ל, ניין, נישט דאס איז די ריכטיגע וועג, נאר בית דין קלערט אריין "מיט וואס זענען מיר יא שולדיג" וואס וואלטן מיר געקענט טוהן בעסער דאס צו פארמיידן, זיי דארפן געבן דין וחשבון אז זיי האבן אים נישט געזען, ווייל אויב יא וואלטן זיי געווען מחוייב אים צו באגלייטן און זיך אפגעבן מיט אים. דאס איז דער מוסר השכל פון עגלה ערופה, אנשטאט צו זיין פארנומען מיט'ן זאגן אז דו ביסט נישט שולדיג און דו האסט גארנישט געטוען שלעכטס, הייב אָן צו זוכן און נישטערן "וואס האב איך יא שלעכט געטוען" הייב אָן אריינצוקלערן אויף וואס קענסטו יא נעמען אחריות, אפשר האט עס יא עפעס מיט דיר צו טוען באמת, אָן קיין "אבער יענער האט געטוען מער"... און דאס איז דער סימן פון עגלה ערופה וואס דערמיט טוט יוסף ווייזן פאר יעקב אבינו אז אלעס וואס האט פאסירט צווישן אים מיט די ברודער, די פירוד לבבות, די מיינונגס פארשידנהייטן וואס איז געווען ביי זיי, וועט זיך מער קיינמאל נישט איבערשפילן, און דערפאר קען ער אננעמען די גוטע בשורה, מיר זענען שוין היינט אנגעקומען צו די מדריגה פון ווערן בטל צום אמת, פון נעמען אחריות אויף אונזערע מעשים, און אפילו זאגן **כִּי עַבְדְּךָ עָרַב אֶת הַנַּעַר**, איך וועל זיין אפילו א עבד, אלעס כדי צו טוען וואס איז ריכטיג. און ווען יעקב אבינו האט דאס געהערט **"וַיַּרְא אֶת הָעֲגָלוֹת... וַתְּחִי רוּחַ יַעֲקֹב אֲבִיהֶם"!** ער האט אויפגעלעבט מיט שמחה, וויסענדיג אז דאס איז די תכלית, און דאס איז דער וועג ווי אזוי א איד דארף לעבן.

ברידער טייערע, די מדרש זאגט אונז אז ווען משיח וועט קומען וועט זיך השי"ת פאר אונז מגלה זיין אויפן זעלבן אופן ווי יוסף הצדיק האט זיך מגלה געווען צו די שבטים... וואס בפשטות האבן די ווערטער נישט קיין פארשטאנד, וואס האבן די צוויי זאכן א שייכות?! (איך פשט האבן מיר געברענגט פריער פונעם מי השילוח) אבער על פי וואס מיר שמועסן איז עס גאר פשוט און געשמאק, השי"ת אונזער טאטע אין הימל וויל פון אונז זעהן אהבת ישראל, אבער נישט סתם ווי מיר העלפן זיך איינער דעם צווייטן, נישט סתם ווי מיר זענען גרייט צו קעמפן פאר א צווייטן, ער טוט פארלאנגן פון אונז א מדריגה פון "כִּי עַבְדְּךָ עָרַב אֶת הַנַּעַר", א פלאץ וואו מיר זענען גרייט אינגאנצן אויפצוגעבן אוועק צו וואַרפן אלע פאלשע בחינת פון מלכות, ווען מיר זענען גרייט צו ווערן אמת'דיג און עכט, אויפהערן לעבן דעם פאלשע פלאץ פון כאילו מיר זענען גערעכט און אז קיינער טאר נישט וויסן אז איך בין נישט פערפעקט וכדומה... א פלאץ פון התבטלות צום מלך העולם, און א פלאץ וואו מיר זענען באמת גרייט 'מקריב' צו זיין פון זיך אפילו אויב ס'איז נישט גרינג.

און אגב, אז מ'רעדט שוין, דא געפונען מיר טאקע נאך מער, אז השי"ת ערווארט פון אונז נישט נאר צו טוען וואס איז אביסל שווער, נאר אפילו צו גיין אין פייער פאר א צווייטן, שרייען **כִּי עַבְדְּךָ עָרַב אֶת הַנַּעַר** און זיך באמת טוישן פלאץ מיט א צווייטן, זאל יענער גיין פריי און איך וועל אפליידן, זאל יענער לעבן בהרחבה און איך וועל זיך מוטשענען פאר אים וכדומה. יא אמת אז מיר לעבן אין א צייט וואס עס איז ב"ה דא א געוואלד פון חסד, אידן העלפן זיך איינער דעם צווייטן אויף א אופן וואס מען טרעפט נישט אין די גאנצע וועלט, אבער מיט דעם אלעם לאמיר גיין א טריט ווייטער און ארויסברענגען א אהבת ישראל פון **"כל ישראל ערבים זה לזה"** אָן קיין גבול, אנשטאט זיין פארנומען זיך פארענטפערן פארוואס איך בין נישט שולדיג און פארוואס איך בין יא גוט און מיט וואס יענער קען אלס זיין בעסער, לאמיר אנהייבן פרעגן מיט וואס קען 'איך' זיין בעסער און וואס קען איך טוען צו מאכן גרינגער פאר א צווייטן. און השי"ת אונזער געטרייע טאטע ווען ער וועט דאס זעהן וועט ער זיך נישט קענען צוריק האלטן און אויסשרייען אני ה' איך בין אייער טאטע און ער וועט אונז ברענגען די גאולה בקרוב במהרה בימינו.

לסיכום געדענק:

לאמיר זיין גענוג שטארק אויסצורופן דעם:

- 'איך' האב געמאכט א טעות.
- 'איך' בין און נעם אחריות.
- 'איך' וועל בויען דעם הייליגן בריק.

## א לעכטיגע שבת קודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com